# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:23
מוצאי שב"ק...................8:55

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................עזרא ט'-י'
בבלי.........................סוטה כ"ד
ירושלמי.....................כלאים כ"א
תוספתא.....................קרבנות ד'
רמב"ם......מלכים ומלחמותיהם י"ב

פרשת תזריע מצורע, שבת ראש חודש, ב' דראש חודש אייר, אבות פרק ב', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 30 (600)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן. דִי צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת פוּן נְגָעִים אוּן קְרֶעץ לֶערְנֶען אוּנְז, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וָואס אִיז דָאס נְגָעִים? וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף צָרַעַת 'סְגִירוּ', פַארְמַאכְט, פַארְשְׁפַּארְט, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט, וָואס אִיז דָאס קְרֶעץ? 'סְגִירוּ דִנְהוֹרָא עִלָּאָה' (פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, דַף מט עָמוּד ב) עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'סְגִירוּ דְטִיבוּ עִלָּאָה', עֶס אִיז פוּן אִים אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַלֶע גוּטְס פוּן אוֹיבְן, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען פַארְלִירְט אַלֶע גוּטְס. וָואס אִיז דִי עֵצָה? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן? צוּרִיק שְׁפִּירְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי תּוֹרָה זָאגְט, דִי עֵצָה אִיז: "וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ' וְרָאָה הַכֹּהֵן וְגוֹ', אַחֲרֵי הֵרָאוֹתוֹ אֶל הַכֹּהֵן וְגוֹ', לְכָל מַרְאֵה עֵינֵי הַכֹּהֵן וְגוֹ'", מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִיק אוּן טוּן וָואס דֶער צַדִיק זָאגְט, דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן אוֹיס קְרֶעצִיג. דֶער צַדִיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר', מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, בִּיז עֶס וֶוערְט צוּרִיק לִיכְטִיג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אוֹיךְ אִין דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס דָאס אִיז תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפח): "**דַּע, שֶׁצָּרִיךְ לִנְסֹעַ לְהַצַּדִּיק לַחֲזֹר עַל אֲבֵדָתוֹ**", וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיפְצוּזוּכְן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן, "**כִּי קֹדֶם שֶׁיּוֹצֵא הָאָדָם לַאֲוִיר הָעוֹלָם**", וַוייל אֵיידֶער מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, "**מְלַמְּדִין**", לֶערְנְט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "**וּמַרְאִין לוֹ כָּל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְלַעֲבֹד וּלְהַשִּׂיג בְּזֶה הָעוֹלָם**", אוּן מֶען וַוייזְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, "**וְכֵיוָן שֶׁיָּצָא לַאֲוִיר הָעוֹלָם מִיָּד נִשְׁכַּח מֵאִתּוֹ**", אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן - קוּמְט דֶער מַלְאָךְ, עֶר גֶעבְּט אַ פְּלִיק דֶעם קִינְד אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס. דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי עֲבוֹדָה פוּן זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פַארְלוֹירְן. אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן אוּן וָואס עֶס פֶעלְט אִים, דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק, עֶר זָאל וַוייזְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט פַארְלוֹירְן, אוּן דֶער צַדִיק הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרֶעפְן אַלֶע זַיינֶע אֲבֵדוֹת, עַיֵין שָׁם.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוּן קוּמֶען, טוּעֶן אוּן מַאכְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? וָואס אִיז מַיין צִיל אִין לֶעבְן?' אָבֶּער וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אוּן הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִי צַייט עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְן, מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין 'מַה חוֹבָתִי בָּעוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? מַיין פְלִיכְט אִיז אִיךְ זָאל אַנֶערְקֶענֶען אוּן טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. דִי מֶענֶער לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן דִי וַוייבֶּער הֶעלְפְן דִי מֶענֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען, מֶען פִילְט זִיךְ אָן מִיט הֵיילִיגְקֵייט בִּיז מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "**אַךְ הַצַּדִּיק אֵינוֹ מֵשִׁיב לוֹ הָאֲבֵדָה עַד שֶׁיִּדְרְשֶׁנּוּ אִם אֵינוֹ רַמַּאי וְשַׁקְרָן**", דֶער צַדִיק גֶעבְּט נִישְׁט גְלַייךְ צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס, נָאר נָאכְן אִים אוֹיסְפָארְשְׁן אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט קַיין לִיגְנֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז; מֶען גֵייט קוֹדֶם אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי"ן, מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי"ן בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין מַשִּׂיג צוּ זַיין אַלֶעס וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען אֵיידֶער זִי אִיז אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּרְךְ רִיבּוּי הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, בֹּא תשפ"ג)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## סְפִירַת הָעוֹמֶר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן

<<<<<<

# א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה יא), דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד [דָאס אִיז דֶער צַדִיק] הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֱמֶתִ'ן בֶּן מֶלֶךְ [דָאס אִיז דֶער אִיד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן פוּן וואוּ עֶר שְׁטַאמְט]: "הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעאַרְבֶּעט", עַיֵין שָׁם.

בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, וָואס דַארְפְסְטוּ צוּרִיק גֵיין אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער? נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט; הָאסְט אַ מִשְׁפָּחָה, וֶוען וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף זֵיי? עֶנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעט פַאר דִיר אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אוּן מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער.

נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר אַלֶע אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? נָאר חִינוּךְ הַיְלָדִים אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ רֶעסֶעפִּי

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ קָאכְסְט פַאר דִי מוֹסָד, דוּ גְרֵייטְסְט אָן עֶסְן פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ רֶעסֶעפִּי, מִיר הָאבְּן אַ סְפֵּייס פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם טָאפּ שֶׁעפְּשֶׁעט מֶען תְּפִילּוֹת:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֵיי יֶעצְט קָאכְן, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג, הֶעלְף מִיר דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס עֶסְן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי עֶסְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי זְכִיָּ' צוּ אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיךְ קֶען צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר צֹאן קָדָשִׁים, שִׁיק מִיר דַיינֶע מַלְאָכִים זָאלְן מִיר הֶעלְפְן אַז דִי אַרְבֶּעט זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג, אָמֵן".

דָאס אִיז אוּנְזֶער רֶעסֶעפִּי, דִי עֶסְן קוּמְט אוֹיס דֶעלִישֶׁעס, עֶס אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עֶסְן וֶוען מֶען בֶּעט.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן, אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַלְט אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ עֶסְן, אֵיין עֶסְן קֶען עֶר פַארְנֶעמֶען, עֶפֶּעס אַ זוּפּ וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעגֶעסְן בַּיי עֶפֶּעס אַ קְרֶעטְשְׁמֶע. מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וִוי קֶען זַיין אַז דֶער צַדִּיק וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן גֶעדֶענְקֶען אַ טַעַם פוּן עֶסְן זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ זוּפּ פוּן אַ קְרֶעטְשְׁמֶע...

מֶען אִיז שְׁנֶעל אַהִין גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דִי אָרֶעמֶע פְּרוֹי אוֹיבּ זִי קֶען צוּשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ "טֵייגְל יוֹהךְ". נָאכְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי זוּפּ הָאט מֶען אִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זִי וִויל אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי זִי מַאכְט אַזַא גוּטֶע זוּפּ, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אָרֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי זוּפּ, אִיךְ שְׁטֶעל אַ טָאפּ, אִיךְ לֵייג אַרַיין וַואסֶער אוּן אַבִּיסְל שָׁאלַאכְץ פוּן מֵייעֶרְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'גְרוֹיסֶער גָאט, דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ גַן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר, לֵייג אַרַיין אִין דִי טָאפּ אַבִּיסְל טַעַם גַן עֵדֶן', דָאס אִיז מַיין רֶעסֶעפִּי".

דֶעמָאלְט הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָאט אַהִין גֶעשִׁיקְט אוּן אַז עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט פוּן דִי זוּפּ אוּן גֶערֶעדְט פוּן דִי זוּפּ; עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען בֶּעט, אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט נָאכְן בֶּעטְן; מֶען שְׁפִּירְט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן. וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ב, צַו תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶועריַקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

## אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ וִויכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מִמֵּילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶונֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

## יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס וִוי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חָבֵר. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע סַאךְ גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וִויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וִוי אַ שׁוּכְעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תַּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קסג)

**תקעז**

שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ל' כִּסְלֵיו, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ב, ל"ה) "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ז).

אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן זִיךְ פִילֶע גוֹיִם מְגַיֵיר גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער גֶעשְׁרִיבְּן זַאכְן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג. אוּן אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר קְלָאר עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי דָאס פַּאסִירְט אוּן פוּן וָואס דָאס קוּמְט.

גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גַלַח פוּן אַ דָארְף נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט זִיךְ מְגַיֵיר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער גֶעשְׁרִיבְּן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וִוי גְלַייךְ נָאכְ'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיבֶּער דֶעם זָאל קוּמֶען אַ גוֹי, וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר אַ גַלַח, וָואס זָאל זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט צוּלִיבּ דִי סִיבָּה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי תּוֹרָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער דִי פִילֶע גֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ יֶענֶע יָאר מְגַיֵיר גֶעוֶוען אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

שְׁפֶּעטֶער אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אַ פְרוֹי מִיט אִירֶע קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט זִי מְגַיֵיר גֶעוֶוען, אוּן זִי הָאט אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אַז דִי סִיבָּה וָואס הָאט אִיר גֶעמַאכְט זִיךְ מְגַיֵיר זַיין אִיז גֶעוֶוען וַוייל זִי הָאט גֶעלֵיינְט אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער זַאכְן קֶעגְן זֵייעֶר גְלוֹיבּוּנְג.

**תקעח**

דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען נָאךְ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", וִוי זַאכְן וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִכְלָל אִינֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרָה, אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט כְּסֵדֶר גֶעזֶען בַּיי יֶעדֶע תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי אַלֶע תּוֹרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט קְלָאר גֶעזֶען וִוי אַלֶעס

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ מַיין קַאפְּל ס'זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִינְמִיטְן שְׁלָאף?



*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף יֶעדְן טָאג אָן אַ קַאפְּל, מַיין קַאפְּל פַאלְט יֶעדְן נַאכְט אִינְמִיטְן שְׁלָאף, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן עֵצָה דֶערוֹיף?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ גֶעוִויסְן מֶענְטְשׁ, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען? אָדֶער מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, מֶען זָאגְט דִי נָאמֶען וִוי אַזוֹי מֶען רוּפְט אִים נָארְמַאל, מִיט זַיין לֶעצְטֶע נָאמֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּשׁוּבָה, אוּן פַארְ'ן מִיךְ מַאכְן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן כְּסֵדֶר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע פְרַאגֶעס.

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּידַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן אַז עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ בֶּעטְן פַאר אַ צְוֵוייטְן – זָאלְסְטוּ דָאס שְׁמוּעֶסְן אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ פְרַיינְט, דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן דִי גַאנְצֶע נָאמֶען. לְמָשָׁל אוֹיבּ יֶענֶער הָאט דְרֵיי נֶעמֶען אוּן מֶען רוּפְט אִים מִיט אֵיין נָאמֶען – זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶענֶעם אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט גֶעבֶּעטְן דַיין גוּטְן פְרַיינְט, אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן דֶעם טַאטְנְ'ס נָאמֶען, דֶעם מַאמֶע'ס נָאמֶען; שְׁמוּעֶס אוֹיף אַ הֵיימִישֶׁע וֶועג אַזוֹי וִוי צְוֵויי גוּטֶע פְרַיינְט שְׁמוּעֶסְן.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר. אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְט"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְט', הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן; וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר – וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן" (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד).

בְּנוֹגֵעַ שְׁלָאפְן מִיט אַ קַאפְּל, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֶען טוּט אַז דִי קַאפְּל זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן; עֶס זֶענֶען דָא שְׁלָאף קַאפְּלֶעךְ וָואס פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ בַּיים שְׁלָאפְן. דִי סָארְט קַאפְּל וָואס קוּמְט אַרָאפּ אַ בְּרֵייטֶע רִינְג, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי חַזָּנִים קַאפְּל; דִי סָארְט הַאלְט זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְן קָאפּ. נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא, וֶוען מֶען הָאט קוּרְצֶע הָאר, מֶען שֶׁערְט זִיךְ מֶער אָפְּט – הַאלְט זִיךְ דִי קַאפְּל גוּט אוֹיפְן קָאפּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן פַארְבּוּנְדְן בַּיים רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבְבָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען נִכְלָל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין יֶענֶע צַייט, אוֹיסֶער דִי פִּילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן וָואס לִיגְן אִין דִי תּוֹרָה וָואס מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט.

אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי תּוֹרָה, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע עִנְיָנִים, זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַלֶעס וָואס אִיז נָאר אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין דִי תּוֹרָה, אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט מַמָּשׁ פוּן אִים אוּן צוּ אִים, מַמָּשׁ קְלָאר אוּן אָפְן, אוֹיסֶער דִי נִסְתָּרוֹת וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה.

דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ מַמָּשׁ אַלֶעס, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען נִכְלָל אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת. אוּן דִי פִּילֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וִוי אַזוֹי אַזוֹיפִיל זַאכְן אוּן פַּאסִירוּנְגֶען אִיז גֶעלִיגְן אִין דִי תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ווּאוּנְדֶערְלִיךְ אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט; גָאר מֶערְקְווִירְדִיגֶע אוּן שְׁטוֹינֶענְדֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט פְרִיעֶר.

אוּן דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן נָאךְ בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, וֶוער עֶס לֵייגְט זִיךְ גוּט אַרַיין אִין דִי סְפָרִים אוּן דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן כְּסִדְרָן, וֶועט מֶען טְרֶעפְן יֶעדְן טָאג אִין דִי סְפָרִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דֶעטַאלְן.

**תקעט**

נָאכְ'ן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם", הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן.

**תקפ**

אוּם חוֹדֶשׁ טֵבֵת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן אָפְּשְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ. אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן זַיינֶע חִידוּשִׁים לוֹיט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד, וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן בֵּרוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי חִידוּשִׁים פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ בֵּרוּר וְזִכּוּךְ הַמְדַמֶּה", אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע מֹחַ.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "דוּ בִּיסְט אַ חַד בְּדָרָא אִין חִידוּשִׁין דְאוֹרַיְיתָא", אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אִינֶעם דוֹר צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט, "עֶס אִיז דָאךְ דָא דֶער רַב?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְפֶערְט, "אָבֶּער וִוי הָאט עֶר דַיינֶע הַקְדָּמוֹת?"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הערליכע יום טוב פסח אין קרית ברסלב ליבערטי מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א שיינער יום טוב האבן די איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי מיטגעלעבט דאס יאר, ווען מען האט געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויילט אויף גאנץ יום טוב אין שטעטל. די תפילות און שיעורים האבן איבערגעלאזט גאר א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו, וואס וועט זיי באגלייטן פאר א לאנגע צייט.

אין די לעצטע פאר יאר איז דער ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל אויף יום טוב פסח, און דאס יאר איז דער ראש ישיבה שליט"א שוין ארויסגעפארן אויף שבת הגדול, צו קענען צייטליך צוגרייטן אלעס וואס פעלט זיך אויס אויף יום טוב.

אין לויף פונעם שבת הגדול האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דברי התחזקות, ווי אזוי זיך צוצוגרייטן צום גרויסן יום טוב, און דאס האט גאר שטארק אנגעווארעמט דעם עולם אין בעפארברייטונג צו פסח.

ערב פסח האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט דעם עירובי חצירות פאר'ן שטעטל פאר די קומענדיגע יאר, אזוי ווי איינגעפירט יאר יערליך, אין די אנוועזנהייט פון די חשובע בודקים פונעם עירוב, וואס געבן זיך איבער בלב ונפש ארומצוגיין יעדע וואך צו באקוקן דעם עירוב.

ערב פסח נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגאנגען צום מצה בעקעריי אין שטעטל, וואס איז שוין ברייט באקאנט מיט די געשמאקע מצות, געבאקן דורך די טייערע ברסלב'ע חסידים וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן און זייערע ליפן שאקלען זיך מיט תפילות צום אייבערשטן בשעת'ן זיך אפגעבן מיט די מצות, נישט קיין וואונדער אז די מצות קומען ארויס אזוי גוט און געשמאק לכבוד יום טוב, מיט אלע חומרות און הידורים. ערב פסח ביי חצות האט זיך אנגעהויבן דאס מצות באקן מיט גרויס חשק און התלהבות, אין די צייט וואס מען האט געזינגען אינאיינעם הלל מיט געשמאק.

די ערשטע טעג יום טוב זענען געווען גאר שיין, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט אלע תפילות אינעם גרויסן בית המדרש אויף האשקי, גאר שיינע הארציגע תפילות וואס האבן זיך צוגאסן אין אלע ביינער.

אין לויף פון די חול המועד טעג איז געווען מערערע שיעורים, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט אסאך גמרא, און דערנאך אסאך גערעדט דיבורי התחזקות פון הייליגן רבי'ן, וואס מען קען הערן און מיטהאלטן אויפ'ן טעלעפאן ליניע "קול ברסלב". פארנאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן שיעורי התחזקות, און אום מאנטאג נאכט חול המועד איז די גאנצע שטעטל זיך צוזאמגעקומען צו אן אייגנארטיגע גאר שיינע סיום הש"ס פון הילד החשוב נחמן פוקס ני"ו, וואס האט אינאיינעם מיט זיין משפחה געדארפט אנטלויפן פון אוקריינא צוליב די מלחמה, און זיי האבן זיך באזעצט אין שטעטל, און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט ביים שיעור ווי שטארק מען דארף זיך אפלערנען פון דאס קינד, וואס האט געהאט איבערגענוג תירוצים פארוואס ער איז נישט מחויב צו לערנען, נאכ'ן אריבערגיין אזויפיל קאשמארן, און פון דעסט וועגן איז ער אנטלאפן צו די הייליגע תורה, ער לערנט אזוי פלייסיג, ביז ער איז זוכה יעצט צו מאכן א סיום הש"ס.

אויך די צווייטע טעג זענען אריבער מיט גרויס געשמאק און דערהויבנקייט, מיט די שיינע תפילות און הערליכע שמועסן, און דאס מאל איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגעגאנגען פאר עטליכע תפילות צו די אנדערע שולן אין שטאט.

אויף שבת נאך פסח איז דער ראש ישיבה שליט"א אויך געבליבן אין שטעטל, און עס איז געווען א שיינע געשמאקע שבת נועם הנשמות.

נאך שבת איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעפארן, מיט א קבוצה אינגעלייט וואס האבן שטארק ארויסגעהאלפן ביים קאמפיין פאריאר, אויף א נסיעה צו קברי צדיקים אין פוילן, א באריכט איבער די נסיעה וועט אי"ה נאכפאלגן.

אין די וואכעדיגע אויסגאבע פון "קרית ברסלב בלעטל" לייגט א לענגערע אויספירליכע באריכט איבער דעם הערליכן יום טוב פסח אין שטעטל אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

**כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למז"ט

***

החתן מו"ה **אליעזר שלמה בוים** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

## קוק אויף יענעם

לוינט זיך צו קוקן אויף א צווייטן? מקנא זיין ווען יענעם גייט גוט, אדער פארהאלטן ווען יענער פירט זיך נישט אויף גוט?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבה"ח מנחם יהושע מארך הי"ו, להצלחה בכל הענינים